# הדרך הישרה

עלון לחיזוק דרך חסידות חב"ד
כפי שהורונו רבותינו נשיאינו

גליון ו' • ש"פ וארא תשע"א

# "סאם סאפאזשניק"

## חסידים נעשים רק ע"י מדריכים ומנהיגים

יום א' דחג הפסח תרח"צ

דאס איז געווען חסידים וואס האבן געהאט מדריכים ומנהיגים און מקבל געווען הדרכה, אבער אז מי איז א מחונך מעצמו איז ניט אזוי. רשב"ץ פלעגט זאגט אויף דעם סאם סאפאזניק, והי' מספר ע"ז מערל אחד אשר מצא תפילין והלך למוכרם והחזיק בהרצועות והבתים היו נגררים ופגש בו יהודי אחד ונתרגש ביותר ושאלו כמה רוצה והתפשר עמו, אח"כ שאלו מאין המה לך, והשיב לו יא סאם סאפאזשניק, היינו בעצמי תפרתים, כי רצה בזה להתפאר שהוא אומן בזה. הנמשל מובן.

סה"ש תרח"צ ע' 264

## התעוררות הלב וחום דקדושה רק ע"י "ראייבין זעך ארום עלטערע חסידים" • נוגע בנפשות אשתו וילדיו

כ' כסלו תרצ"ג

דאס איז אפילו א מאמר המוסגר עס איז נישט נוגע צו דעם סיפור הענין וואס מיא דערציילט, אבער דאס איז נוגע אין גאנצין מהות פון חסידים, און עס איז נוגע זיך און וואייב און קינדער זאלן גיזונט זיין, וכמאמר הידוע הכל תלוי בלב והלב תלוי בכיס, דער ראשית העבודה חסידות'ישע יונגע לאייט איז גיווען ראייבין זעך ארום עלטערע חסידים, און במוחש זעהן מיר אז מיא וויהל עס זאל ווערין ווארים אין שטוב דארפמען הייצין די אייווין, אז בא אידן זאהל ווערין א חום דקדושה א חיות אין א מצוה און א גישמאק אין לערנען דארף מען הייצין די אייווין, התעוררות הלב, און התעוררות הלב ווערט נאר דורך שמושה של חסידים ואנשי מעשה, און דאס איזה כל תלוי בלב.

לקו"ד ח"א ע' 76

## חסידות בא רק בקבלה איש מפי איש • שמנה של חסידות רק אצל אלו ששימשו את זקני החסידים

י"ג מרחשון תרפ"ח

ידעתי גם ידעתי גודל אהבת ידידי לכל אלו הקשורים באילנא דחיי תורת אבות העולם הן המה ידידנו אנ"ש שי' ולמותר לי לבקש את ידידי לקרבם בימין מקרבת ובכל זה הנני מוצא לנכון להציע לידידי אשר יגביל זמנים קבועים אשר יתוועדו יחדיו עם אנ"ש במקומות קבועים,

כי הלא ידעתי אשר גדולה שימושה יותר מלימודה וזה בא רק בקבלה איש מפי איש חסיד מחסיד, כמדליק נר מנר, ויתן האלקים אשר אור החסידות יאיר בקרב אנ"ש יחיו בביתם בבניהם בנותיהם ובני בניהם לטוב להם בגו"ר, ובה הי' מנהגם

של אנ״ש בכל דור ודור אשר היו תאבים לשמוע איזה דבור, ספור, ומלה טובה מזקני אנ״ש ולא היו מתחשבים עם ביטול הזמן,

וכמה פעמים זכיתי לשמוע מאת הוד כ״ק אאמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע אשר הילל ושיבח מנהג זה ובאחד הפעמים הגיד לי לאמור מנהג וסדר זה העמיד חסידים אמיתים, ובמי אתה מוצא שמנה של חסידות, רק באלו ששימשו את זקני החסידים, בא זיי איז גאר א אנדער לייג, די וועלט מיינט אז חסידות איז השכלה, א טעות, חסידות איז אלקות און אלקות איז במילא אלץ, נאר אלץ וויא אלקות איז אלץ, וסיים אז א אמתער חסיד איז מיט איין ווארט קען ער לעבען אין א גן-עדן געשמאק אויף דער וועלט אסאך יארען, ניט וויא איצטיקע ״סקארא סדעלקעס״ [עיסקות מהירות] וואס אלע טאג דארפין זיי האבין פרישע השכלות, נשמעים וריח שטייב און ריח טומעל און רעש און צום פעקלביינער, אחיות אין תפלה אחיות אין א מצוה ברור המדות איז דאס קיין שייכות ניט, אלטע חסידים האבין מעמיד געווען דורות של חסידים.

אג״ק אדמו״ר הריי״צ ח״א ע׳ תרטו

## אצל המשפיע מתייעצים בעניני עבודה, ליפטר ממדה רעה, להרגיל מדה טובה, עצה לתפלה ולהתכונן ליחידות • דבר עיקרי בדרכי חסידות

יום ב׳ דחג הפסח תש״ג

דער אמאליקער טיפ חסיד האט זיך געטיילט אין כמה דרגות: א חסידישער מורה הוראה, שו״ב, מלמד, בעל הבית בן תורה, בעה״ב בעל עסק, ובעל מלאכה. יעדער סוג חסיד האט געלערנט חסידות בזמנים קבועים, מען האט מאריך געווען בתפלה, מאנכע באריכות גדולה מאנכע באריכות ממוצעת און אלע האבן געדאוונט במתינות, שבת און א יומא דפגרא פלעגט מען זיך צוזאמענקומען, געזונגען הארציגע און טיפזיניגע ניגונים און ארומגערעדט ווי אזוי א חסיד באדאדף זיך פירן, ויספרו סיפורים שונים מהנהגות הרביים, מהנהגות זקני החסידים ומעניני יחידות.

די חסידישע קרוין אין שטעטל איז געווען דער משפיע. מיט אים האט מען זיך מייעשב געווען אין עניני עבודה, בא אים האט מען געפרעגט א עצה ווי פטור צו ווערען פון א מדה רעה און ווי צו מרגיל זיין זיך אין א מדה טובה, וואס טוט מען עפעס א סגולה עם זאל זיך דאווענען, ווי לייעגט מען ק״ש שעל המטה. בא דעם משפיע געמט מען א סדר הכנה גיין צום רבי׳ן אויף יחידות...

משפיעים בא חסידים זייגען א דבר עיקרי אין דרכי החסידות. עס זיינען פאראן דרכי החסידים און דרכי החסידות, משפיעים זיינען א דבר עיקרי אין דרכי החסידות. דרכי החסידים איז די קליטת השפע און דרכי החסידות איז די זריעת השפע.

לקו״ד ח״ג ע׳ 848

## צ״ל השגחה על הפעילות • סתירת זקנים בנין

כ״ו אדר תשט״ו

בודאי משגיחים על הנהגה דצעירי אגו״ח (מובן שאין כדאי שידעו שאני כתבתי דברים אלו), ולעזרם בעצתם, וכמרז״ל ע״ד סתירת זקנים ועאכו״כ בנין זקנים. מובן שזה צריך זהירות מרובה שלא יביטו על זה כמיעוט הדמות וכו׳ וכו׳. ואל בינתם אשען.

היכל מנחם ח״א ע׳ קלו

## מדברי חז״ל

וילך משה ואהרן. בעצה אחת ובהסכמה אחת: ויאספו את כל זקני בני ישראל. בכל מקום הזקנים מעמידין את ישראל, הוא שאמרו רז״ל אם אמרו לך זקנים סתור ונערים בנה, תסתור ואל תבנה, שסתירת זקנים בנין, ובנין נערים סתירה, וראיה לדבר מרחבעם בן שלמה, דכתיב וינח את עצת הזקנים.

פסיקתא זוטרתא (לקח טוב) שמות פ״ד פכ״ט

לזכות **אלעזר בן בילא פלברבאום** לרפו״ש בקרוב ברמ״ח אבריו ושס״ה גידיו, ברוח ובגשם, לאריכות ימים ושנים טובות

נדבת בנו ר׳ צבי גרשון שי׳

לקבל עלון זה באימייל, נא להודיע:
HaderechHayeshara@gmail.com